וירא תשפ"ה
גליון 213

# דעם רבינ'ס ליכט



אַיְיעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

# אִיךְ וִויל זִיךְ מִיט דִיר אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן!

מֶען לֶערְנְט אִין דִי פַּרְשִׁיּוֹת אוֹיף דִי אַלֶע צֶען נִסְיוֹנוֹת וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, יֶעדֶער נִסָּיוֹן אֵיינְס שְׁוֶוערֶער פוּן דָאס אַנְדֶערֶע, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן "עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ, וְעָמַד בְּכֻלָּם" אָבֶּער דֶער שְׁפִּיץ פוּן דִי נִסְיוֹנוֹת אִיז גֶעוֶוען דֶער נִסָּיוֹן פוּן דֶער עֲקֵדָה, וֶוען הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ הָאט גֶעהֵייסְן פַאר אַבְרָהָם אָבִינוּ: "גֵיי, נֶעם דַיין קִינְד אוּן בְּרֶענְג אִים אַרוֹיף פַאר אַ קָרְבָּן עוֹלָה אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מְהַרְהֵר גֶעוֶוען אוֹיפְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

ר' נָתָן בְּרֶענְגְט אַז דִי מְפָרְשִׁים פְרֶעגְן דִי קַשְׁיָא, וָואס אִיז דִי גְרוֹיסֶע אִיבֶּערַראשׁוּנְג אִיבֶּער דֶער נִסָּיוֹן פוּן דֶער עֲקֵדָה? לוֹיט דָאס גְרוֹיסֶע צִדְקוּת אוּן גֶעטְרֵייַשַׁאפְט פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז עֶס נִישְׁט אַזַא נִסָּיוֹן, ווייל לִכְאוֹרָה קֶענֶען אֲפִילוּ פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן שְׁטֵיין אִין אַזַא נִסָּיוֹן וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זֵיי קְלָאר אַרוֹיסְזָאגְן צוּ גֵיין שֶׁעכְטְן זֵייעֶר בֶּן יָחִיד וֶועט לִכְאוֹרָה אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד פָאלְגְן אַזַא קְלָארֶע בַּאפֶעל.

זָאגְט ר' נָתָן אַז דֶער עִיקָר נִסָּיוֹן פוּן דֶער עֲקֵדָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ שֶׁעכְטְן זַיין אֵייגֶענֶעם קִינְד, דֶער עִיקָר נִסָּיוֹן אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט נִישְׁט נָאכְגֶעטְרַאכְט נָאךְ דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס מִדּוֹת, אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ טַייטְשְׁט אוֹיפְן פָּסוּק "כִּי עַתָּה יָדַעְתִּי" 'אָמַר ר' אַבָּא: "אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, 'אֲפָרֵשׁ לְפָנֶיךָ שִׂיחָתִי, אִיךְ וִויל זִיךְ מִיט דִיר אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן! אֶתְמוֹל, נֶעכְטְן הָאסְטוּ מִיר גֶעזָאגְט אַ צוּזָאג אַז 'בְּיִצְחָק יִקָּרֵא לְךָ זָרַע' אִיךְ וֶועלְן הָאבְּן קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, אַ גַאנְצֶע אִידִישֶׁע פָאלְק - כְּלַל יִשְׂרָאֵל דַוְקָא פוּן יִצְחָק אוּן שְׁפֶּעטֶער זָאגְסְטוּ מִיר אִיךְ זָאל אִים נֶעמֶען אוּן בְּרֶענְגֶען פַאר אַן עוֹלָה? אוּן יֶעצְט זָאגְסְטוּ מִיר 'אַל תִּשְׁלַח יָדְךָ אֶל הַנַּעַר, אִיךְ זָאל אִים נִישְׁט צוּרִירְן." [דָא אִיז אַ מְקוֹר וִוי מֶען זֶעט אַז אַבְרָהָם הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶע'טַעֲנָה'ט מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעסְן דָאס הַאֶרְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער יֶעדְן טָאג].

זָאגְט אִים דֶער בַּאשֶׁעפֶער: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֵייסְן דוּ זָאלְסְט אִים שֶׁעכְטְן! אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעהֵייסְן בְּרֶענְגֶען פַאר אַן עוֹלָה". זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער עִיקָר נִסָּיוֹן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען עֶר זָאל נִישְׁט מְהַרְהֵר זַיין אוֹיפְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, נָאר עֶר הָאט גֶעפָאלְגְט וָואס הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ הָאט אִים גֶעבֶּעטְן. זַיין עִיקָר נִסָּיוֹן אִיז גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן גְלֵייבְּן אִין בַּאשֶׁעפֶער, אוּן פָאלְגְן אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט, 'גֵיי שֶׁעכְטְן', אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, ווייל מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי וֶועגְן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ.

שְׁפֶּעטֶער שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיִּקְרָא אַבְרָהָם שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא ה' יִרְאֶה אֲשֶׁר יֵאָמֵר הַיּוֹם בְּהַר ה' יֵרָאֶה (בראשית כב, יד)", טַייטְשׁ ר' נָתָן אַזוֹי: 'אַלֶע אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים, הָאבְּן גֶעזֶען אַז דֶער סוֹף אוּן דֶער תִּקְוָה וֶועט זַיין נָאר וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, 'וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם מֵרָחוֹק', אַבְרָהָם הָאט גֶעזֶען פוּנְדֶערְוַוייטְנְס – מִיט אַזַא סָארְט ווייטֶע קוּק אַז עֶס גֵייט קוּמֶען אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, מֶען וֶועט בְּרֶענְגֶען דָארְט קָרְבָּנוֹת, עֶס וַוארְט אוּנְז אָפּ אַ גְרוֹיסֶע תִּקְוָה, אָבֶער עֶר הָאט עֶס גֶעזֶען מֵרָחוֹק, אַ וַוייטֶער אוֹיסְקוּק, נִישְׁט וואוּסְנְדִיג וֶוען עֶס וֶועט שׁוֹין קוּמֶען.

זָאגְט ר' נָתָן דָאס זֶעלְבֶּע גֶעשֶׁעט בַּיי יֶעדְן אִיד, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט קְלָאר וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וֶועט וֶועט קוּמֶען מַיין אֵייגֶענֶע גְאוּלָה, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד בִּשְׁלֵמוּת, אַ גַאנְצֶער פְרֵיילִיכֶער אִיד, טוּן דִי מִצְוָה מִיט גַאנְצְקֵייט אוּן פְרֵייד, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וֶוען עֶס וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה אַחֲרוֹנָה בִּכְלָלִיּוּת אוּן בִּפְרָטִיּוּת אָבֶער אֵיין זַאךְ וֵוייסְן מִיר קְלָאר "עֶס אִיז אוּנְז קְלָאר אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען!! עֶס אִיז קְלָאר אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ גְאוּלָה!! אֲפִילוּ עֶס אִיז דֶערְוַוייל נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען וֶועט עֶס קוּמֶען מָארְגְן, דֶערְפַאר רוּפְט אַבְרָהָם דָאס פְּלַאץ פוּן דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ "ה' יִרְאֶה" נָאר דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אוּן וֵוייסְט וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער סוֹף פוּן דֶער גָלוּת, אָבֶער מִיר טָארְן נִישְׁט מַאכְן קֵיין שׁוּם חֶשְׁבּוֹנוֹת, מִיר דַארְפְן טוּן אוּנְזֶערְס יֶעדְן טָאג, זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן שְׁלֶעכְטְס אוּן טוּן מִצְוֹת אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועט קוּמֶען דִי גְאוּלָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אַז ר' יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הָאט גֶעטְרָאפְן מָשִׁיחַ אוּן גֶעפְרֶעגְט: "אֵמָתַי קָאתֵי מַר, וֶוען וֶועסְטוּ קוּמֶען מָשִׁיחַ?"

הָאט מָשִׁיחַ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "הַיּוֹם – הַיינְט",

אוֹיפְצוּמָארְגְנְס טְרֶעפְט אִים ווִידֶער ר' יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי אוּן פְרֶעגְט: בִּיזְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען?"

זָאגְט מָשִׁיחַ: "נֵיין, הָאסְט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען מַיין כַּוָּונָה, 'הַיּוֹם' אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ, יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג דַארְף מֶען פָאלְגְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן אַזוֹי אִיז מֶען מְקַרֵב דִי גְאוּלָה, יֶעדֶער אִיד לוֹיט זַיין עֲבוֹדַת ה' אִיז עֶר מְקַרֵב דִי גְאוּלָה פוּן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג.

צוּם סוֹף וֶועלְן זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אַלֶע 'חֶלְקֵי מָשִׁיחַ' פוּן אַלֶע אִידְן דוּרְךְ דִי צַדִּיקִים וֶועלְכֶע זֶענֶען מְקַרֵב דִי גְאוּלָה, 'הַיּוֹם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ' מִיט דִי עֲבוֹדוֹת פוּן יֶעדְן טָאג פוּן אַלֶע אִידְן וָואס דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז פְּשַׁט, ה' יֵאָמֵר 'הַיּוֹם', יֶעדְן טָאג אוּן טָאג וָואס אַ אִיד טוּט דִי מִצְוֹת אִיז עֶר מְקַרֵב דִי גְאוּלָה בִּיז צוּם סוֹף וֶועלְן אַלֶע תְּנוּעוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים פוּן אַלֶע קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים אוּן פוּן גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל מְקַרֵב זַיין דֶעם לֶעצְטְן גְאוּלָה אוּן מִיר אַלֶע וֶועלְן הָאבְּן אַ חֵלֶק דֶערִין אוּן זוֹכֶה זַיין הֲנָאָה צוּ הָאבְּן פוּן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז בְּקָרוֹב מַמָּשׁ זָאל מְקֻיָּם וֶוערְן אַלֶע הַבְטָחוֹת פוּן דֶער וָואכֶעדִיגֶער פַּרְשָׁה, דִי גְאוּלָה הַקְּרוֹבָה זָאל שׁוֹין קוּמֶען בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.



# אִין דִי צְפַת'עֶר גֶעסֶעלֶעךְ

*ר' שְׁמוּאֵל הוֹרוִויץ זי"ע חלק ג'*

*מִיר וֶועלְן בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יֶעצְט פַארְצַיילְן אַבִּיסְל פוּן דִי קִינְדֶער יָארְן פוּן ר' שְׁמוּאֵל הָארָאוִויץ זצ"ל, מִיר גֶעבְן אִיבֶּער זַיין לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע וִויאַזוֹי ר' שְׁמוּאֵל שְׁרַייבְּט דָאס אַרוֹיס פוּן זַיין בְּרֶענֶעדִיגֶע הַארְץ אִינֶעם סֵפֶר יְמֵי שְׁמוּאֵל.*

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַ קִינְד מָלֵא חֵן אִין אַלֶעמֶענְס אוֹיגְן. דֶער זֵיידֶע ר' אַבְרָהָם אַ זוּן פוּן ר' שְׁמוּאֵל הֶעלִיר זַצַ"ל פְּלֶעגְט זִיךְ זֵייעֶר מְשַׁעֲשֵׁעַ זַיין מִיט מִיר. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען ל"ג בָּעֹמֶר הָאט מֶען מִיר גֶעטְרָאגְן קַיין מִירוֹן אוּן דָארְט חַאלַאקֶעט. ר' שְׁמוּאֵל פַארְצֵיילְט אַז אִין יֶענֶע יָארְן הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען צוּם הִלּוּלָא פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן אוּן הוּנְדֶערְטֶער קִינְדֶער.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ מִיט מִיר זֵייעֶר גֶעפְּלָאגְט וַוייל אִיךְ פְּלֶעג לֵיידְן אוֹיף דִי מָאזְלֶען קְרֶענְק, וֶוען אִיךְ בִּין נָאךְ גֶעוֶוען גָאר יוּנְג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען גָאר קְרַאנְק אוּן מְסֻכָּן אִיךְ הָאבּ דַאן גֶעלִיטְן אוֹיפְן מָאגְן, מַיין טַאטֶע הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער פַאר מַיין גֶעזוּנְט, עֶר הָאט זִיךְ מִתְעוֹרֵר גֶעוֶוען לִתְשׁוּבָה אוּן גֶעמַאכְט נְדָרִים פַאר מַיין גַאנְצֶע רְפוּאָה, אֵיינֶע פוּן דִי נְדָרִים וָואס עֶר הָאט נוֹדֵר גֶעוֶוען אִיז, אַז עֶר וֶועט נִישְׁט מַפְסִיק זַיין אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, זָאל זַיין וָואס זָאל נָאר זַיין! עֶר הָאט גֶעלֵייגְט פָארְנְט פוּן זִיךְ אַ צֶעטְל, "אִיךְ בֶּעט אַייךְ שְׁטֶערְט מִיךְ נִישְׁט פוּן לֶערְנֶען", דֶעם צֶעטְל הָאט עֶר גֶעוִויזְן פַאר וֶוער עֶס אִיז גֶעקוּמֶען רֶעדְן צוּ אִים אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט מִיט דִי הַנְהָגָה בִּיז מִיטְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס רַחֲמָנוּת בִּין אִיךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן פוּנֶעם קְרֶענְק.

אִיךְ בִּין אַרַיין אִין חֵדֶר לֶערְנֶען, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גוּט אוֹיפְגֶעכַאפְּט דָאס לֶערְנֶען, וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיר בַּאשָׁאנְקְן מִיט אַ גוּטְן קָאפּ. וֶוען מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען חֻמָּשׁ, פְּלֶעג אִיךְ אַסַאךְ אִיבֶּערְלֶערְנֶען אִינְדֶערְהֵיים דֶעם חֻמָּשׁ, אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְטְס גֶעלִיטְן אוֹיף מַיינֶע אוֹיגְן, אִיז פַאר מַיין טַאטְן נִישְׁט גֶעפָאלְן אַז אִיךְ שְׁטְרֶענְג זִיךְ אִיבֶּער מִיטְ'ן לֶערְנֶען, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן מַיין מְלַמֵּד זָאל מִיר אוֹיפְמֶערְקְן אוֹיף דֶעם.

וֶוען אִיךְ בִּין עֶלְטֶער גֶעוָוארְן בִּין אִיךְ אַרַיין לֶערְנֶען בַּיי אַ מְלַמֵּד וָואס אִיז גְרַאדֶע גֶעוֶוען אַ קָרוֹב צוּ אוּנְז, גָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ אִישׁ צַדִּיק וְתָמִים, רֶבִּי נֹחַ שְׁלֹמֹה זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַעֲלוֹת אוּן מִדּוֹת,

טְרָאצְדֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אָרִימַאן, פְּלֶעגְט בַּיי זַיין טִישׁ שְׁטֶענְדִיג עֶסְן אָרִימֶע מֶענְטְשְׁן, בַּאגְלֵייט מִיט זַיינֶע צְדָקוֹת אוּן מִצְווֹת וָואס עֶר פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג טוּן. עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם, אוּן זַיין דַאוֶונֶען אִיז גֶעוֶוען מִיט רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים צוּם בַּאשֶׁעפֶער. עֶר הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אוּנְז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן גֶעהַאט גָאר אַ גְרוֹיסְן לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תַּלְמִידִים אוּן צוּ מִיר.

אוֹיף דִי צְוֵויי זַאכְן הָאט עֶר מִיר זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט: "אִיךְ זָאל זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט, זִיךְ וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער גְלַייךְ נָאכְן אוֹיפְשְׁטֵיין, אוּן הָאבְּן אַ קַאפֶּעלֶע אוֹיפְן קָאפּ אֲפִילוּ בַּיים שְׁלָאפְן". עֶר פְּלֶעגְט אוּנְז דֶערְצֵיילְן אַז דֶער צֶמַח צֶדֶק זַצַ"ל פְּלֶעגְט אַלֶעמָאל דַאנְקְן זַיין מַאמֶע אַז זִי הָאט אוֹיפְגֶעפַּאסְט עֶר זָאל קַיינְמָאל נִישְׁט גֵיין מִיט אַן אוֹיפְגֶעדֶעקְטְן קָאפּ אָן אַ קַאפְּל, אוּן אַז זִי פְּלֶעגְט אִים וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער פוּן גָאר אִינְגְן עֶלְטֶער, וָואס דָאס הָאט אִים אַרַיינְגֶעגֶעבְּן אַ יִרְאַת שָׁמַיִם, ווייל דִי זַאכְן זֶענֶען מְקַדֵּשׁ דָאס קִינְד פוּן קְלֵיינְווַייז אָן.

רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַרְדוּנֶער (הֵיילְפְּרִין) ז"ל - זַיין יָארְצַייט פַאלְט אוֹיס ט' חֶשְׁוָן, פְּלֶעגְט אַרַיינְקוּמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ - וואוּ אוּנְז קִינְדֶער פְּלֶעגְן לֶערְנֶען, אָנְגְרֵייטְן דִי לֶעכְט לְכָבוֹד שַׁבָּת, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען אִים צוּ זֶען. שְׁפֶּעטֶער ווֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט בַּיים מְלַמֵּד רֶבִּי דוֹב פוּן וַוארְשֶׁע זַצַ"ל, הָאט עֶר גֶעהַאט פִּינְף בֶּענְדֶער חֹק לְיִשְׂרָאֵל, צוּם סוֹף פוּן דִי בֶּענְדֶער אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעבִּינְדְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִין פָּארְנְט בַּיי דִי הַקְדָמָה אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין אִידִישׁ דֶער צוּזָאג פוּנֶעם רֶבִּי'ן "אִיךְ וֶועל מִיךְ לֵייגְן אִין דֶער לֶענְג אוּן אִין דֶער בְּרֵייט אִיךְ זָאל אִים אַ טוֹבָה טוּן, בַּיי דִי פֵּאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת" מִיר קִינְדֶער פְּלֶעגְן דָאס לֵיינֶען, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דָאס מֵיינְט, אִיךְ הָאבּ בִּכְלָל נִישְׁט גֶעוְויסְט אוֹיבּ ס'אִיז נָאךְ פַארְהַאן אַזַא חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב, הַיינְט דֶערמַאן אִיךְ זִיךְ צוּרִיק וִוי אַזוֹי אִיךְ דָאס דֶעמָאלְט גֶעלֵיינְט.



ר' שמואל הורביץ אין מירון

בַּיי מִיר אִין כִּתָּה הָאט גְרַאדֶע גֶעלֶערְנְט אַן אִינְגֶעל וָואס זַיין זֵיידֶע אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד הַנָּגִיד רֶבִּי נָתָן פוּן טְרָאוִויצָא ז"ל, דֶער אִינְגְל פְּלֶעגְט בְּרֶענְגֶען אִין חֵדֶר דֶעם סֵפֶר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס. מַיין רֶבִּי רֶבִּי נֹחַ שְׁלֹמֹה הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ גֶעהַאט דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים, עֶר פְּלֶעגְט מוּסַר זָאגְן פַאר דֶעם בְּרֶסְלֶבֶע אִינְגְל: "זֶע צוּ זַיין אַ אִינְגְל אַ יִרְאַת שָׁמַיִם, דַיין זֵיידֶע רֶבִּי נָתָן גֵייט דָאךְ יֶעדְן טָאג אוֹיפְן צִיּוּן פוּנֶעם אֲרִ"י ז"ל אוּן אִיז מִתְפַּלֵּל דוּ זָאלְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִינְגְל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. ווֶוען דֶער ר' נָתָן אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן הָאט עֶר גֶערִיסְן קְרִיעָה אוּן גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה דַּיַּן הָאֱמֶת מִיט'ן שֵׁם וּמַלְכוּת.

אֵיינְמָאל ווֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען נָאךְ גָאר אַ יוּנְג

קִינְד, בִּין אִיךְ אַהֵיימְגֶעקוּמֶען מִיט אַ הִיסְטֶערְיֶע וֵויינֶענְדִיג אָן אוֹיפְהֶער, מַיין טַאטֶע פְּרֶעגְט מִיר: "שְׁמוּאֵל פַּארְוָואס וֵויינְסְטוּ?! עֶפֶּעס פֶעלְט דִיר? דַיין רֶבִּי הָאט דִיךְ גֶעשְׁלָאגְן? אָבֶער פוּן גְרוֹיס צַעַר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אִים עֶנְטְפֶערְן! אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען פְּרֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיבּ עֶר הָאט מִיר גֶעשְׁלָאגְן? "חַס וְשָׁלוֹם" הָאט דֶער מְלַמֵּד גֶעעֶנְטְפֶערְט: בֵּיידֶע דֶער מְלַמֵּד מִיט מַיין טַאטֶע הָאבְּן עֶנְדְלִיךְ גֶעפּוֹעֶלְ'ט אוֹיף מִיר אִיךְ זָאל זֵיי גֶעבְּן אַן עֶנְטְפֶער, הָאבּ אִיךְ זֵיי עֶנְדְלִיךְ פַארְצֵיילְט דִי סִבָּה פוּן מַיין גֶעוֵויין אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "וִויאַזוֹי קֶען זַיין אַז מֶען הָאט פַארְקוֹיפְט יוֹסֵף הַצַּדִּיק פַאר דִי אַרַאבֶּער אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע יִסּוּרִים? (יֶענֶעם טָאג הָאט מֶען גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר פוּן מְכִירַת יוֹסֵף).

מַיין טַאטֶע הָאט מִיר זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר גֶעוֶועןְ אַז דָאס הָאט גֶעמוּזְט גֶעשֶׁען, כְּדֵי דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן אַרָאפְּגֵיין אִין מִצְרַיִם, אוּן מִיר זָאלְן קֶענֶען בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה אוּן אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אִיךְ גֶעדֶענְק אֵיין יָאר וֶוען אִיךְ בִּין נָאךְ גֶעוֶוען אַ גָאר יוּנְג קִינְד, אִיךְ בִּין אוֹיף גֶעוֶוען דִי נַאכְט פוּן הוֹשַׁעְנָא רַבָּה אוּן גֶעזָאגְט מִיט אַלֶע דֶערְוַואקְסֶענֶע אִידְן מִשְׁנָה תּוֹרָה מִיט תְּהִלִּים, מַיין זֵיידֶע רֶבִּי אָשֵׁר יְחֶזְקֵאל זַ"ל הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט דֶערְפוּן הָאט עֶר מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַ גְרָאשְׁן, הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען דֶעם מַטְבֵּעַ אוּן גֶעוָואלְט גֶעבְּן פַאר צְדָקָה, הָאט מַיין זֵיידֶע זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם, זָאגְנְדִיג: "דָאס אַז דוּ גֶעבְּסְט דָאס פַאר צְדָקָה, אִיז בַּיי מִיר נָאךְ חָשׁוּבֶ'ער פוּן דֶעם אַז דוּ בִּיסְט אוֹיף גֶעוֶוען בַּיינַאכְט!".




המשך פון די לעצטע זייט

הַבָּא, וַוייל דָארְט אִין עוֹלָם הַבָּא זֶענֶען פַארְהַאנֶען מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע גֵייעֶן אַרוּם מַמָּשׁ נַאקֶעט אוּן מֶען קֶען אוֹיף זֵיי נִישְׁט רַחֲמָנוּת הָאבְּן.

וַוייל אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוען אֵיינֶער אִיז אוּמְגֶעקְלֵיידֶעט, קֶען מֶען אִים צַאמְשְׁטֶעלְן גֶעלְט אוּן אוֹיפְנֵייעֶן אַ קַאפְּטְן, אָבֶער דָארְט אִין עוֹלָם הַבָּא וֶוען אֵיינֶער גֵייט נַאקֶעט קֶען מֶען נִישְׁט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, וַוייל דָארְט הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין שׁוּם רַחֲמָנוּת.

וֶועלְכֶע קְלֵיידוּנְג דַארְף עֶר דֶען? עֶר דַארְף דָאךְ נָאר אַ מַלְבּוּשׁ פוּן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹות, אוּן פַאר אֶט דֶעם הֶעלְפְט נִישְׁט דָארְט קַיין שׁוּם רַחֲמָנוּת.

אָבֶער וֶוער עֶס אִיז מְקוּרָב צוּ אַן אֶמֶתְ'ן צַדִּיק, קֶען עֶר לוֹיפְן צוּם צַדִּיק אוּן נֶעמֶען בַּיי אִים עֶפֶּעס אַ קְלֵיידְל זִיךְ אָנְצוּקְלֵיידְן.

המשך פון די שיחה קומענדיגע וואך בעז"ה

# שַׁבָּת קוֹדֶשׁ

## ר׳ לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער דֶערְצֵיילְט:



אִיךְ גֶעדֶענְק אִין אוּמַאן, ס׳אִיז גֶעוֶוען אַמָאל פְרַייטָאג צוּ נאכְט נָאכְן דַאוְוענֶען, אִיז צוּגֶעקוּמֶען אֵיינֶער - וָואס זַיין קִינְד אִיז לַיידֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט - אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ ר׳ שִׁמְשׁוֹן בַּארְסְקִי ז״ל, דֶער אִיד הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן ר׳ שִׁמְשׁוֹן אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל אִים דֶערְמַאנֶען, צוּ ר׳ גֶעצֶע, אוּן בֶּעטְן פוּן ר׳ גֶעצֶע זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין דָאס קִינְד זָאל וֶוערְן גֶעזוּנְט.

הָאבְּן דִי בְּרֶסְלֶבֶ׳ע חֲסִידִים גֶעזָאגְט פַאר דֶעם אִיד:

אַז מֶען ווִיל הָאבְּן אַ רְפוּאָה דַארְף מֶען זֶען וָואס מֶען דַארְף יֶעצְט טוּן אִין דִי צַייט אוּן בַּיי דִי זַאךְ זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין אוּן דָאס טוּן מִיטְן הַארְץ קֶען מֶען דַאן פּוֹעֶלְ׳ן אַ רְפוּאָה.

״נוּ אִיצְטֶער דַארְפְן מִיר זוּכְן דִי רְפוּאָה בַּיי דִי ׳זְמִירוֹת׳ פוּן שַׁבָּת, בַּיים ׳קִדּוּשׁ׳ פוּן שַׁבָּת – דַארְפְן מִיר אִיצְטֶער זוּכְן דִי רְפוּאָה!״,

דָאס מֵיינְט אַז יֶעדֶעס מָאל קֶען מֶען פּוֹעֶלְ׳ן אַ יְשׁוּעָה בַּיי דִי זַאךְ וָואס מֶען טוּט יֶעצְט, לְמָשָׁל אַז מֶען דַארְף יֶעצְט בֶּענְטְשְׁן לִיגְט דָארְט דִי יְשׁוּעָה, אַז מֶען דַארְף יֶעצְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אָדֶער זָאגְן עַל הַמִּחְיָה דַארְף מֶען זִיךְ דָארְט מְקַשֵּׁר זַיין אוּן דָאס טוּן מִיט אַן אֱמֶת, קֶען מֶען דַאן פּוֹעֶלְ׳ן וָואס מֶען ווִיל.

לָאמִיר טַאקֶע אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען שֵׁיין זְמִירוֹת שַׁבָּת אוּן פּוֹעֶלְ׳ן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, גוּט שַׁבָּת.

ר׳ מִיכָלֶ׳ע - אַן אֵיינִיקְל פוּן רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט בֶּעטְן בַּיים שַׁבָּת-טִישׁ מֶען זָאל אִים נִישְׁט גֶעבְּן צוּפִיל מַאֲכָלִים פוּן שַׁבָּת-קוֹדֶשׁ, וְוִיבַּאלְד דִי עֶסְן פוּן שַׁבָּת אִיז גָאר הֵיילִיג אוּן טַייעֶר, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט אִים גֶעבְּן צוּפִיל וֶועט עֶר מוּזְן אִיבֶּערְלָאזְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט אַז דִי מַאֲכָלִים פוּן שַׁבָּת אִיז אֵיין שְׁטִיק גֶעטְלִיכְקֵייט עֶס אִיז כַּלָּה קוֹדֶשׁ, אִיז זֵייעֶר נִישְׁט כְּדַאי אִיבֶּערְצוּלָאזְן, אִין זַיין לָשׁוֹן: ״אַ מַאֲכָל פוּן שַׁבָּת לָאזְט מֶען אִיבֶּער? דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ ס׳אִיז כַּלָּה אֱלֹקוּת, כַּלָּה קוֹדֶשׁ״.

| | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ו | י | צ | א | ל | כ | ל | כ | י | ת | ש | א | ב | ב | ש | ל | ח |
| י | ע | מ | ש | ל | ה | ק | י | ו | ר | ת | י | א | ר | א | ו | א |
| ר | ס | ט | נ | כ | ת | ל | ע | ה | ב | ח | ו | ק | ו | ת | י | ר |
| א | מ | ו | צ | ב | מ | ד | ב | ר | ה | ב | ס | ח | נ | פ | ש | ק |
| מ | ש | ת | ב | ת | נ | ש | ג | א | א | צ | ת | י | כ | פ | ב | י |
| ו | פ | כ | י | ת | ב | א | י | ש | ר | ש | ס | נ | ג | ק | ש | ו |
| ר | ט | ב | מ | ו | ז | א | ת | ה | ב | ר | כ | ה | ש | ו | ג | ב |
| א | י | ק | ו | י | ל | כ | ו | נ | י | ז | א | ה | ל | ד | י | ר |
| ה | מ | ע | ח | ר | ק | ל | ב | ה | ר | ש | י | י | ח | י | ו | א |
| ו | צ | נ | נ | ח | ת | א | ו | י | ש | ל | ח | ק | ת | ו | מ | ש |
| צ | ק | מ | י | ר | ב | ד | מ | י | ט | פ | ו | ש | מ | י | נ | י |
| ת | ו | ל | ד | ו | ת | ח | נ | מ | צ | ו | ר | ע | י | ר | ז | ת |
| ק | ד | ו | ש | י | מ | ה | מ | ו | ר | ת | ו | מ | י | ר | ח | א |

זוך אויף די נעמען פון אלע פרשיות התורה, קענסט עס טרעפן ארויף, אראפ, רעכטס, לינקס און שיף

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| בראשית | מקץ | תרומה | מצורע | שלח | עקב |
| נח | ויגש | תצוה | אחרי מות | קרח | ראה |
| לך לך | ויחי | כי תשא | קדושים | חקת | שופטים |
| וירא | שמות | ויקהל | אמור | בלק | כי תצא |
| חיי שרה | וארא | פקודי | בהר | פנחס | כי תבא |
| תולדות | בא | ויקרא | בחוקותי | מטות | נצבים |
| ויצא | בשלח | צו | במדבר | מסעי | וילך |
| וישלח | יתרו | שמיני | נשא | דברים | האזינו |
| וישב | משפטים | תזריע | בהעלתך | ואתחנן | וזאת הברכה |

## טעף צען חילוקים צווישן די בילדער

## קענסטו דערקענען דעם בילד?

(דער היילינגער רבי האט דא באזוכט)





### א שטיקל ליקוטי תפלות (חלק שני ל')

### "נִישְׁט אִיבֶּער טְרַאכְטְן אוֹיפְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס מִדּוֹת"

בַּאשֶׁעפֶּער, דֶערְבַּארִים זִיךְ אוֹיף מִיר, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן מְנִיעוֹת הַמֹּחַ, דָאס זֶענֶען אַלֶע קֻשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוּן צֶעמִישֶׁענִישְׁן וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֹחַ צוּ אִיבֶּער טְרַאכְטְן אוֹיף דִי צַדִּיקִים אוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן פוּנֶעם דוֹר, אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם צוּ נָאכְטְרַאכְטְן נָאךְ דַיינֶע מִדּוֹת, אַזֶעלְכֶע סָארְט מְנִיעוֹת פוּן מֹחַ זֶענֶען דִי גְרֶעסְטֶע מְנִיעוֹת פוּן אַלֶע מְנִיעוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט.

וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זַיין מֹחַ אוּן הַארְץ זֶענֶען שְׁטַארְק אוּן פֶעסְט אִין דִי אֱמוּנָה צוּם בַּאשֶׁעפֶּער אוּן אִין זַיינֶע אֱמֶת'ע צַדִּיקִים אִיז נִישְׁט פַארְהַאן קַיין שׁוּם שְׁטֶערוּנְג וָואס זָאל אִים אָפְּהַאלְטְן, אוֹיב אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם דִי מֹחַ אוּן הַארְץ זֶענֶען אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן בַּאשֶׁעפֶּער אוּן פוּן דִי צַדִּיקִים אוּן עֶס דְרִינְגֶען אַרַיין אִין הַארְץ קֻשְׁיוֹת אוֹיף זֵיי, דָאס זֶענֶען דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מְנִיעוֹת.

דֶערִיבֶּער קוּם אִיךְ צוּ דִיר שְׁרֵייעֶן אוּן אוֹיסְרוּפְן מִיט אַ גֶעשְׁרֵיי, וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם הָאפֶענוּנְג זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען דֶערְפוּן, נָאר צוּ שְׁרֵייעֶן צוּ דִיר " אֵלֶיךָ ה', אֶקְרָא וְאֶל ה' אֶתְחַנָּן, שְׁמַע ה' קוֹלִי אֶקְרָא, וְחָנֵּנִי וַעֲנֵנִי".

וַיְהִי הַיּוֹם, אוּן ס'גֶעוֶוען אַ בְּרִיחָה [אַנְטְלוֹיפוּנְג] אִין אַ מְדִינָה, זֶענֶען זֵיי אַלֶע צוּלָאפְן גֶעוָוארְן.

ווִי זֵיי זֶענֶען אַנְטְלָאפְן גֶעוָוארְן, זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען דוּרְךְ אַ וַואלְד – הָאבְּן זֵיי דָארְט פַארְלוֹירְן צְוֵויי קִינְדֶער, אַ זָכָר אוּן אַ נְקֵבָה – אֵיינֶער הָאט פַארְלוֹירְן אַ זָכָר, אוּן אֵיינֶער הָאט פַארְלוֹירְן אַ נְקֵבָה – אוּן זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער, פוּן פִיר־פִינֶעף יָאהְר.

דִי קִינְדֶערְלֶעךְ הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט, וָוארְן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן.

דֶערְוַוייל אִיז צוּ זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען אַ 'בֶּעטְלֶער', עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי טָארְבֶּעס [זֶעק]. הָאבְּן דִי קִינְדֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן טְשֶׁעפְּן זִיךְ [נָאנְט וֶוערְן] צוּ אִים, אוּן צוּ טוּלְן זִיךְ [נָאכְשְׁלֶעפְּן] צוּ אִים.

הָאט עֶר זֵיי גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט, הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעסְן. הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וַואנֶעט קוּמְט אִיר אַהֶער"? הָאבְּן זֵיי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מִיר וֵוייסְן נִישְׁט", וָוארְן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועקְצוּגֵיין פוּן זֵיי – הָאבְּן זֵיי אִים גֶעבֶּעטְן: "אַז עֶר זָאל זֵיי נֶעמֶען מִיט זִיךְ" – הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "דָאס ווִיל אִיךְ נִישְׁט, אַז אִיר זָאלְט גֵיין מִיט מִיר".

דֶערְוַוייל הָאבְּן זֵיי אַ קוּק גֶעטָאן, אִיז דֶער 'בֶּעטְלֶער' 'בְּלִינְד' – אִיז בַּיי זֵיי אַ חִידוּשׁ גֶעוֶוען, אַז עֶר אִיז 'בְּלִינְד', ווִיאַזוֹי וֵוייסְט עֶר צוּ גֵיין.

(אוּן צוּם אֶמֶת, אִיז דָאס אַלֵיין אַ חִידוּשׁ, וָואס דִי קִינְדֶער אִיז דָאס קָשֶׁה גֶעוֶוען, וָוארְן זֵיי זֶענֶען זִיךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער גֶעוֶוען – לוּשְׁמִיר [נָאר] זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען קְלוּגֶע קִינְדֶער, אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיב דֶעם] אִיז דָאס בַּיי זֵיי אַ חִידוּשׁ גֶעוֶוען).

הָאט עֶר זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט (דֶער 'בְּלִינְדֶער־בֶּעטְלֶער'): "אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי־ווִי אִיךְ, אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט ווִי אִיךְ". אוּן עֶר הָאט זֵיי אִיבֶּערְגֶעלָאזְט נָאךְ בְּרוֹיט, אוּן עֶר אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

הָאבְּן דִי קִינְדֶער פַארְשְׁטַאנֶען, אַז הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ הָאט אוֹיף זֵיי הַשְׁגָּחָה גֶעהַאט, אוּן עֶר הָאט זֵיי צוּגֶעשִׁיקְט אַהֶער אַ 'בְּלִינְדְן־בֶּעטְלֶער', עֶר זָאל זֵיי גֶעבְּן עֶסְן.

דֶערְנָאךְ, אִיז בַּיי זֵיי אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען דָאס בְּרוֹיט – הָאבְּן זֵיי ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן [אַז זֵיי דַארְפְן] 'עֶסְן'.

דֶערְנָאךְ אִיז גֶעוָוארְן נַאכְט, הָאבְּן זֵיי דָארְט אִיבֶּערְגֶענֶעכְטִיגְט. אִינְדֶערְפְרִי, הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער נִישְׁט גֶעהַאט צוּ עֶסְן – הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט.

דֶערְוַוייל, אִיז ווִידֶער אָנְגֶעקוּמֶען אַ 'בֶּעטְלֶער', וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ 'טוֹיבֶּער', הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ אִים צוּ רֶעדְן – וַוייזְט עֶר זֵיי מִיט דִי הֶענְט, אוּן זָאגְט צוּ זֵיי: "אִיךְ הֶער גָארְנִישְׁט".

אוּן דֶער 'בֶּעטְלֶער' הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט צוּ עֶסְן – אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועקְצוּגֵיין פוּן זֵיי. הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גֶעוָואלְט, אַז עֶר זָאל זֵיי נֶעמֶען מִיט זִיךְ – הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט.

אוּן עֶר הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט: "אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי־ווִי אִיךְ" – אוּן הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעלָאזְט בְּרוֹיט – אוּן אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

דֶערְנָאךְ, אִיז בַּיי זֵיי דָאס בְּרוֹיט אוֹיךְ אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, הָאבְּן זֵיי ווִידֶער גֶעשְׁרִיגְן כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

אִיז ווִידֶער גֶעקוּמֶען צוּ זֵיי אַ 'בֶּעטְלֶער', וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ 'כְּבַד־פֶּה' (כְּלוֹמַר: עֶר הָאט גֶעשְׁטַאמְפְּלְט מִיט דֶעם מוֹיל) – הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אִים צוּ שְׁמוּעֶסְן, הָאט עֶר גֶעשְׁטַאמְפְּלְט זַיינֶע רֵייד – הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס עֶר רֶעדְט, אוּן עֶר הָאט יָא גֶעווּאוּסְט וָואס זֵיי רֶעדְן – נָאר זֵיי הָאבְּן

נישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס עֶר רֶעדְט, וָוארְן עֶר הָאט גֶעשְׁטַאמְפְּלְט.

הָאט דֶער 'בֶּעטְלֶער' זֵיי אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט צוּ עֶסְן, אוּן אִיז זִיךְ אוֹיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען – אוּן הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט: "אַז זֵיי זָאלְן זַיין אַזוֹי־וִוי עֶר" – אוּן אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען כַּנַּ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

דֶערְנָאךְ, אִיז ווִידֶער גֶעקוּמֶען אַ 'בֶּעטְלֶער', וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַ 'קְרוּמֶען־הַאלְז', אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גֶעוֶוען כַּנַּ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

דֶערְנָאךְ, אִיז ווִידֶער גֶעקוּמֶען אַ 'בֶּעטְלֶער' אַ 'הוֹיקֶער'. דֶערְנָאךְ, אִיז ווִידֶער גֶעקוּמֶען אַ 'בֶּעטְלֶער' 'אָן־הֶענְט'. דֶערְנָאךְ, אִיז גֶעקוּמֶען אַ 'בֶּעטְלֶער' 'אָן־פִּיס'.

אוּן אִיטְלֶעכֶער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט, אוּן הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט: "אַז זֵיי זָאלְן זַיין אַזוֹי־וִוי עֶר, גָאר אַזוֹי־וִוי יֶענֶע 'בֶּעטְלֶערְס'", כַּנַּ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

דֶערְנָאךְ, אִיז בַּיי זֵיי וַוייטֶער דָאס בְּרוֹיט אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען – הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גֵיין אִין יִשּׁוּב אַרַיין, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַ וֶועג.

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם וֶועג, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַ דָארְף – זֶענֶען דִי קִינְדֶער אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אַ שְׁטוּבּ אַרַיין, הָאט מֶען אוֹיף זֵיי רַחֲמָנוּת גֶעהַאט, אוּן מְ'הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט.

זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער אִין אַ שְׁטוּבּ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען, הָאט מֶען זֵיי דָארְט אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט. פְּלֶעגְן זֵיי גֵיין אִין דִי הַייזֶער – הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן ס'גוּט, מְ'גִיבְּט זֵיי בְּרוֹיט.

הָאבְּן דִי קִינְדֶער צְווִישְׁן זִיךְ גֶעמַאכְט, אַז זֵיי זָאלְן תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג] זַיין אִינְאֵיינֶעם – אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעמַאכְט גְרוֹיסֶע 'טָארְבֶּעס', אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין דִי 'הַייזֶער' – אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַלֶע 'שִׂמְחוֹת', אוֹיף 'בְּרִית'ן', אוּן אוֹיף 'חֲתוּנוֹת'.

אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער, אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין 'שְׁטֶעט' אַרַיין, אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין דִי 'הַייזֶער', אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דִי 'יְרִידִים'.

אוּן פְּלֶעגְן זִיצְן צְווִישְׁן דִי 'בֶּעטְלֶערְס', אַזוֹי־וִוי זֵיי זִיצְן דָארְט אוֹיף דִי 'פְּרִיזְבֶּעס' [שְׁטֵיינֶערְנֶע בֶּענְק], מִיט דִי 'טֶעלֶער' [צוּ זַאמְלְן גֶעלְט דֶערִין].

בִּיז דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען מְפוּרְסָמִים בַּיי אַלֶע 'בֶּעטְלֶערְס' – וָוארְן אַלֶע הָאבְּן זֵיי גֶעקֶענְט, אוּן הָאבְּן פוּן זֵיי גֶעוואוּסְט, אַז דָאס זֶענֶען דִי קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס זֵיי זֶענֶען פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן אִין וַואלְד כַּנַּ"ל.

אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער יְרִיד, אִין אַ גְרוֹיסֶער שְׁטָאט – זֶענֶען אַהִינְגֶעגַאנְגֶען אַלֶע 'בֶּעטְלֶערְס', אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיךְ אַהִינְגֶעגַאנְגֶען – אִיז גֶעקוּמֶען דִי 'בֶּעטְלֶערְס' אוֹיף דֶער דֵעָה, אַז זֵיי זָאלְן מְשַׁדֵּךְ זַיין דִי צְווֵיי קִינְדֶער, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע נֶעמֶען.

אוּן תֵּיכֶף וִוי מְ'הָאט אָנְגֶעהוֹבְּן דֶערְפוּן צוּ שְׁמוּעֶסְן, אִיז דָאס זֵיי אַלֶע זֵייעֶר גֶעפֶעלְן – הָאט מֶען זֵיי מְשַׁדֵּךְ גֶעוֶוען.

לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] וִוי [וִויאַזוֹי] מַאכְט מֶען זֵיי חֲתוּנָה?

הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען, בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] אִין דֶעם אוּן דֶעם טָאג, וֶועט זַיין בַּיים 'מֶלֶךְ' מִינִינֶעס [גֶעבּוּרְטְסְטָאג], וֶועלְן אַהִינְגֵיין אַלֶע 'בֶּעטְלֶערְס', וֶועלְן זֵיי זִיךְ דָארְטְן אוֹיסְבֶּעטְן 'קוֹילִיטְשׁ' [חַלָּה] אוּן 'פְלֵייש' – דֶערְפוּן וֶועט מֶען זֵיי מַאכְן חֲתוּנָה. אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען.


הונדערטער ברסלב'ע קינדער ווערן בעז"ה זיך ווייטער באנייען מיט די לעצטע מעשה פון סיפורי מעשיות –

די זיבן בעטלערס

אלע קינדער כאפן זיך מיט, און עס וועט בעז"ה זיין איבערראשונגען פאר די וועלכע ווערן מאכן די בחינות אויפן טעלעפאן.

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די דרייצנסטע מעשה - די זיבן בעטלערס (2)

**א. וואו זענען די קינדער פארלוירן געווארן ?**
- ❑ אין א שטאט
- ❑ אין א מדבר
- ❑ אין א וואלד

**ב. וואס איז געווען דער ערשטער בעטלער?**
- ❑ א בלינדער
- ❑ א טויבער
- ❑ א כבד פה

**ג. וואס האט זיי דער בעטלער געוואונטשן**
- ❑ גרויסע עשירות
- ❑ זיי זאלן טרעפן זייער עלטערן
- ❑ זיי זאלן זיין אזוי אלט וואו איך

**ד. וואס האט זיי דער בעטלער איבערגעלאזט**
- ❑ ברויט
- ❑ וואסער
- ❑ פרוכט

**ה. וואס איז געווען דער פערדער בעטלער?**
- ❑ א הויקער
- ❑ א קרומער האלדז
- ❑ אן הענט

**ו. וויאזוי האבן זיי געהאט עסן אויף די חתונה?**
- ❑ זיי האבן געבעטן ברויט און פלייש פון די סעודה פון מלך
- ❑ זיי האבן גענומען וואס ס'איז געבליבן פון די סעודה פון מלך
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. שאלת זכות: וואס איז דער סדר פון די בעטלערס?**
- ❑ א טויבער, א בלינדער, א כבד פה, א הויקר, א קרומער האלדז, אן הענט, אן פיס.
- ❑ א בלינדער, א טויבער, א כבד פה, א קרומער האלדז, א הויקר, אן הענט, אן פיס
- ❑ א טויבער, א כבד פה, א בלינדער, א הויקר, א קרומער האלדז, אן הענט, אן פיס.

**ח.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



### טיפער געטראכט

וואו נאך ווערט דערמאנט אין ספורי מעשיות א "ידיד" ?

ביי וועלכע מעשה ווערט דערמאנט א אינגל מיט א מיידל וואס זענען אלט פיר יאר?

אלע בעטלערס האבן זיי געבענטש אז זיי זאלן זיין אזוי ווי זיי – ביי וועלכע בעטלער האט דער רבי מפרש געווען וואס ער האט זיי געבענטש ?

זיי זענען געגאנגען אויף אלע שמחות – וואספארא שמחות איז דער רבי מפרש?

וויפיל מאל ווערט דערמאנט אין ספורי מעשיות א "חתונה" ?

**געווינער אויף דרייצן בעטלערס 1 איז הילד החשוב יעקב רוזנבלאט ***7626**
**צווייטער געווינער איז הילד החשוב אליעזר יאראוויטש ***8542**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# דעם רבינ'ס משלים



ר׳ יוֹסֵף פִּירְט אַ פִּישׁ גֶעשֶׁעפְט שׁוֹין פַאר אַסאַךְ יָארְן, צוּם גוּטְן. אֵיין טָאג בַּאמֶערְקְן דִי מִתְפַּלְלִים ווי ר׳ יוֹסְל קוּמְט אַרַיין אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ מִיט גְרוֹיס הִתְרַגְשׁוּת. ר׳ יוֹסְל אִיז בַּיי אַלֶעמֶען בַּאקַאנְט אַלְס אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ אִיבֶּערְגֶעגָאסְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַלֶעמָאל גְרֵייט אַ טוֹבָה צוּ טוּן פַאר אַ צְווייטְן, מִיט הַארְץ אוּן זֶעל זָארְגְט עֶר פַארְן טוֹבַת הַכְּלָל. הַיינְט זֶעט זִיךְ אָבֶער עֶפֶּעס אַן אוֹיף ר׳ יוֹסְלְ׳ס גֶעזִיכְט אַ אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיכֶע פְרֵייד אַ שִׂמְחָה וָואס עֶר קֶען נִישְׁט בַּאהַאלְטְן.

נָאךְ אֵיידֶער דִי חֲבֵרִים הָאבְּן גֶעהַאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט אִים אָנְצוּפְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם, עֶפְנְט עֶר זַיין מוֹיל אוּן דֶערְצֵיילְט אַזוֹי: "הַיינְט הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁפַּארְט מַיין גֶעשֶׁעפְט אַיילְנְדִיג זִיךְ צוּ דַאווֶענֶען אוּן הֶערְן אַ שִׁיעוּר, אָבֶער שְׁטֵייעֶנְדִיג בַּיים עֶק גַאס הָאבּ אִיךְ בַּאגֶעגְנְט אַן אָרִימֶער אִידְל מִיט צֶערִיסֶענֶע שִׁיךְ, אִיךְ שְׁטֵיי מִיט וואוּנְדֶער ווֶען אִיךְ בַּאמֶערְק אַז אַלֶע זַיינֶע קְלֵיידֶער זֶענֶען צֶעשְׁלִיסְן אוּן צֶערִיסְן.

פַארְשֶׁעמְטֶע לַאטֶעס זֶענֶען פַארְבֵּייט אוֹיף זַיינֶע הוֹיזְן, אַ פַארְשְׁמִירְטֶע צֶעשְׁנִיטֶענֶע עֶרְמְל, זַיין פָּנִים

## פַאסִיגֶע קְלֵיידוּנְג

בַּאגָאסְן מִיט רַחֲמָנוּת אוּן פַארְלוֹירְנְקַייט.

אִיךְ רוּף אִים צוּ צוּם דֶערְנֶעבֶּנְדִיגְן גֶעשֶׁעפְט וואוּ אִיךְ הָאבּ אִים גֶעקוֹיפְט אַ הִיפְשֶׁע פָּאר קְלֵיידֶער, פִיר הוֹיזְן, אַכְט הֶעמְדֶער, אוֹיךְ צוּ דֶערְצוּ אַ שֵׁיינֶעם אַנְצוּג ווי עֶס פַּאסְט פַאר אַ אִידִישׁ קִינְד."

דֶער עוֹלָם אַרוּם שְׁרַייעֶן אוֹיס ווי אִין אַ כָאר: "יוֹסְל, אַזַא מִצְוָה, אַן אֶמֶת׳ער חֶסֶד הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טוּן".

דַאן הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אַן אֵיידֶעלֶער קוֹל מִיט אַ תְּמִימוּת׳דִיגֶע פְרַאגֶע פוּנֶעם ׳רֶבְּ׳ס בֵּית הַמִּדְרָשׁ׳: "וויפִיל נַייעֶ צִיצִית הָאסְטוּ אִים גֶעקוֹיפְט? דָאס אִיז דָאךְ דִי חֲשׁוּבְ׳סְטֶע טַייעֶרְסְטֶע מַלְבּוּשׁ?"



"וֶועל אִיךְ שׁוֹין גֵיין קוֹיפְן טֶעלִיכֶע פָאר צִיצִית, וואוּ פּוּנְקְט אִיז דֶער אַדְרֶעס דָאס צוּ קוֹיפְן?".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז (שיחת הר"ן כ"ג) אַז דִי רַחֲמָנוּת פוּן דֶער וֶועלְט זֶעעֶן אַלֶע, דֶערִיבֶּער לוֹיפְן אַלֶע נָאךְ דִי זַאכְן פוּן דֶער וֶועלְט, אַז מֶען זֶעט אֵיינֶעם אִין אַ הוּנְגֶער אָדֶער אַ דָארְשְׁט, טוּט עֶס זֵייעֶר ווֵיי, מֶען הָאט גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים, אַזוֹי אוֹיךְ וֶועל אֵיינֶער גֵייט נַאקֶעט אוּן בָּארְוֶועס הָאט מֶען זֵייעֶר רַחֲמָנוּת אוֹיף דֶעם דָאזִיגְן.

אָבֶער וֶועט עֶס הָאט אוֹיגְן אוּן זֶעט וָואסְפַארַא גְרוֹיס רַחֲמָנוּת עֶס אִיז אוֹיף דִי נְשָׁמוֹת אִין עוֹלָם

המשך אויף זייט 5

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יהוסף שווארטץ הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר פנחס דוד וועבערמאן הי"ו
לרגל החאלאקע של בנו מרדכי זאב למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר אלכסנדר גלאנץ הי"ו
לרגל נישואי בתו למזל טוב